ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת נח

באידיש

**502**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק שני

## נח

אין דעם פרק ווערט אַרויסגעברענגט ווי דער באַשעפער איז מאריך אף, ער האַלט צוריק זיין כעס, פון די רשעים, כדי זיי זאָלן תשובה טוהן. אין דעם פרק רעדט דער מחבר אויך אַרום די מעלות פון דער מדה פון ענוה און די שענדליכע מדה פון גאוה.

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

בס"ד

# אינהאַלט
## פון צווייטער פרק


א. די מעלות פון נח הצדיק און דאָס רשעות פון זיין דור............. ג

ב. ווי אַזוי דער אויבערשטער איז מאריך אף מיטן רשע כדי ער זאָל תשובה טוהן און נישט שטאַרבן אַלס רשע. אַן ענטפער צו די אפיקורסים וואָס זאָגן אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן כדי דער אויבערשטער זאָל ח"ו קענען נעמען אין אים נקמה.............................................................. ה

ג. די גרויסע עניוות פונם אויבערשטן............................................ ו

ד. אַ מענטש דאַרף זיך אַראָפּלערנען פון זיינע מדות כדי צו דינען דעם אויבערשטן.............................................................. ז

ה. אַ מענטש דאַרף שטענדיג זען צוצוקומען צו דער מדרגה פון די מלאכים.................................................................................. ח

ו. פופצן זאַכן וואָס דערווייטערן דעם מענטש פון גאווה............ ט

ז. דאָס גרויסע תועלת פאַר עמיצן וואָס האַלט זיך נידעריג...... יב

ח. אַ מענטש זאָל זיך נישט גרויס האַלטן מיט דעם וואָס דער אויבערשטער איז משפיע גוטס אויף אים............................... יד

ט. די מעלה פון די וואָס האַלטן זיך נידעריג, וואָס דער אויבערשטער דערפילט זייער גלוסטונג, כאָטש זיי האָבן נישט מתפלל געווען דערויף.................................................. טו

י. אָפּענע מוסר-רייד קעגן די וואָס טרינקן וויין........................ טו

# פרק שני

## די מעלות פון נח הצדיק און דאָס רשעות פון זיין דור

**א. ישמחו,** זאָלן זיך פרייען די הימלען און די ערד, וואָס דער צדיק נח איז אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון דער צרה און ער איז דער יסוד פון דער וועלט, ווייל ווען ער זאָל נישט זיין קיין צדיק וואָלט ער נישט ניצול געוואָרן פון דעם מבול, און דאַן וואָלטן אַלע באַשעפענישן איבערגעקערט געוואָרן צו וויסטעניש דורך די זינדיגע, דאָס זענען די מענטשן פון דור המבול, וואָס זיי האָבן געזאָגט צום באַשעפער קער דיך אָפּ פון אונז, דיינע וועגן ווילן מיר נישט וויסן.

**ועשו,** און זיי (די מענטשן פון דור המבול) האָבן געמאַכט די שטערן פאַר אָפּגעטער און האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך פון דער וואָס האָט זיי באַשאַפן און זענען נאָכגעגאַנגען נאָכן ווילן פון זייער האַרץ און האָבן אויסדערוועהלט אַלע שלעכטע זאַכען. האָבן געהאַלטן אַן עצה צו מערן וויינגערטנער און טרינקען וויין כדי זיך אָנצושיכור'ן און נאָכגיין די גלוסטענישן פונעם יצר הרע, צו אַלעס וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט. זיי האָבן געטאָן פאַרשידענע אומווערדיגקייטן, און דער אויבערשטער ברוך הוא האָט זיי פונדעסטוועגן געגעבן פון זיין פיל גוטס, אפשר וועלן זיי חרטה האָבן און וועלן תשובה טוהן, כדי זיי זאָלן נישט פאַרלירן דאָס גאַנצע גוטס און שלוה, וואָס דער אויבערשטער האָט זיי געמאַכט געוועלטיגן דערויף.

**כראותו,** און אַז דער אויבערשטער האָט געזען אַז זיי האָבן נישט געטוהן תשובה, האָט ער אויף זיי געמאַכט שטורעמען די בערג, אפשר וועלן זיי מורא באַקומען און וועלן תשובה טוהן.

**וגם,** אָבער זיי האָבן אויך אויף דעם נישט געלייגט קיין אַכט. האָט דער אויבערשטער אויפגעשטעלט נח'ן, ער זאָל זיי אָנזאָגן וועגן דעם בייזן וואָס איז אָנגעגרייט צו קומען אויף זיי, און האָט זיי געגעבן

אַ צייט פון הונדערט און צוואנציג יאָר, וואָס נח האָט געמאַכט די תיבה, אַז זיי האָבן דאַן צייט תשובה צו טוהן, אָבער זיי האָבן זיך אַוועקגעקערט פון באשעפער און האָבן נאָך מער געזינדיגט.

**וחזר,** דערנאָך האָט דער באַשעפער זיי געגעבן נאָך אַ צייט, די זיבן טעג פון דער אבילות נאָך מתושלח דעם צדיק, און האָט געלאָזט הערן פון הימל צו אַלע מענטשן פון דער ערד דעם הספד וואָס מען האָט געמאַכט אין הימל אויף מתושלח הצדיק, און די טרערן פון די חיות הקודש האָבן אַראָפּגענידערט פון מתושלח׳ס וועגן, אַזוי ווי דער ילקוט שרייבט.

**וכוונתו,** און דער אויבערשטער האָט דאָס אַלץ געטוהן, כדי זיי זאָלן דערקענען די מעלה פון אַ צדיק, ווי גרויס און חשוב עס איז ביים אויבערשטן, אפשר וועלן זיי תשובה טוהן.

**וכאשר,** ווען דער אויבערשטער האָט געזען אַז זיי האָבן נישט תשובה געטוהן, האָט ער געזאָגט צו נח קץ כל בשר בא לפני וגו׳, דער סוף פון אַלע באַשעפענישן איז געקומען פאַר מיר, איך האָב געזען דעם סוף פון זיי, אַז קיין צדיק וועט נישט אַרויסקומען פון איינעם פון זיי, דעריבער וועל איך זיי פאַרדאַרבן פון דער ערד, נאָר דיך, נח׳ן, האָב איך געזען אַלס אַ צדיק פאַר מיר אין דעם דאָזיגן דור. דעריבער מאַך דיר אַ תיבה פון פימסן-האָלץ, דו זאָלסט דיך דאָרט באַהאַלטן פון דעם קטרוג און פון דעם גאַנצן דור, און דו און דיינע קינדער וועלן געראַטעוועט ווערן, ווייל דיינע קינדער זענען אַזעלכע צדיקים ווי דו, און אויך דיין ווייב און דיינע שנורן (וועלן אויך ניצול ווערן) מיט דיר. אויך אַלע באַשעפענישן וועלכע האָבן נישט פאַרדאָרבן זייער וועג וועלן ניצול ווערן מיט דיר, און פון דיר וועט זיך אַנטוויקלען די וועלט אַזוי ווי פריער.

**ווי אַזוי דער אויבערשטער איז מאריך אף מיטן רשע כדי ער זאָל תשובה טוהן און נישט שטאַרבן אַלס רשע. אַן ענטפער צו די אפיקורסים וואָס זאָגן אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן כדי דער אויבערשטער זאָל ח״ו קענען נעמען אין אים נקמה.**

**ב. ואתה,** און דו, מענטש, לייג צו דיין האַרץ צו דער דאָזיגער זאַך, צו זען און דערקענען דאָס גרויסע רחמנות וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט אויף דעם מענטש, און ביז ווי לאַנג ער וואַרט כדי דער מענטש זאָל נישט שטאַרבן אָן תשובה.

**הבט,** זע וויפיל דער אויבערשטער ברוך הוא האָט געוואַרט אויף די מענטשן פון דור המבול, אַז זיי זאָלן נישט שטאַרבן אַלס רשעים.

**וכל,** און דאָס אַלץ לייקנט אָפּ די סברא פון די אפּיקורסים, וואָס זיי זאָגן אַז דער מענטש איז נאָר באַשאַפן געוואָרן צו ליידן, אַזוי ווי עס שרייבט רבי ברוך אין דעם ספר **קהלות יעקב**, אַז עס זענען פאַראַן אזעלכע וואָס זאָגן אַז דער מענטש איז נאָר באַשאַפן געוואָרן, כדי דער אויבערשטער זאָל זיך אין אים נוקם זיין. און אויב מען גיט אַמאָל אַ מענטש גרויסקייט איז דאָס נאָר כדי אים דערנאָך אַראָפּ צו וואַרפן פון דער הויכער מעלה, כדי די ירידה וואָס ער וועט דערנאָך האָבן זאָל פאַר אים זיין שווער. מיר זעען אַז דער מענטש רוט נישט און איז אָן מנוחה אויף דער וועלט, און אַלע זיינע טעג און יאָרן זענען נאָר ווייטאָג און שרעק, און ער איז אָנגעגרייט צו שלעכטע טרעפונגען ח״ו אָדער זיין מזל ברענגט דאָס אַלץ מיט, אָדער די גלגלים ברענגען שלעכטס און גרויס פאַרדאַרבונג אויף דער וועלט, און ווי קען מען זאָגן אַז אַזאַ מענטש וואָס איז געשלאָגן און געפייניגט זאָל דערגרייכן צו אַ הויכער מעלה, — אַזוי זאָגן די אפיקורסים.

## די גרויסע עניוות פונם אויבערשטן

**ג. והנה,** אָבער פון דעם אַלעם וואָס מיר האָבן געשריבן, ווי דער אויבערשטער ברוך הוא האָט אויסגעוואַרט דעם דור המבול אַז זיי זאָלן תשובה טוהן, דאָס וואַרפט אַוועק די פינצטערע און רשעות'דיגע סברא פון די דאָזיגע אַפיקורסים, ימח שמם. און דער פסוק זאָגט "**טוב ה' לכל**", דער אויבערשטער איז גוט צו אַלע, "**ורחמיו על כל מעשיו**", זיין דערבאַרעמדיגקייט איז איבער אַלע זיינע באַשעפענישן, און אונזערע חכמים האָבן דערויף געדרשנ'ט, אַז אויסער זיין רחמנות אויף די באַשעפענישן, גיט ער זיי אויך פון זיין מדה פון רחמנות, אַז זיי זאָלן זיך אויך פירן ווי זיין מידה, אַז יעדער זאָל זיך דערבאַרעמען איינער אויף זיין חבר, און די וועלט איז מער נישט באַשאַפן געוואָרן נאָר אַז ער זאָל גוטס טוהן מיט זיינע באשעפענישן, און אַז אַ מענטש האָט ח"ו אַ צרה שרייט ער צום אויבערשטן און ער ראַטעוועט אים פון דער צרה.

**וכל התורה,** און די גאַנצע תורה און נביאים רופן אויס אויפן גרויסן רחמנות וואָס דער אויבערשטער טוט מיטן מענטש, און די גמרא און דער מדרש דערציילן וועגן דעם אויבערשטנ'ס כבוד פון זיין גרויסער עניוות יתברך שמו, וואָס ער איז זיך כביכול מצער אַז עס קומט עפעס בייז אויף דעם מענטש, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט "**עמו אנכי בצרה**", אַז עס קומט אַ צרה אויף אַ מענטש איז ער זיך, כביכול, אויך מצער דערויף, און דער באַשעפער האָט גרויס פרייד ווען ער איז משפיע און טוט גוטס מיט די מענטשן, ווייל דאָס וואָס ער איז ברוגז אויף די רשעים איז נאָר מחמת זיי שטערן אים משפיע צו זיין, זיין גוטס אויף דער וועלט, און דאָס איז אַ גרויסער צער פאַר איינעם וואָס זיין מדה איז צו זיין אַ וותרן און מענטשן פאַרמיידן אים פון צו געבן און צו מערן גוטס.

**ועל,** און אויף דעם זאָגט דער פסוק "**נוקם ה' ובעל חימה**", דער אויבערשטער איז אַ נקמה-נעמער און אַ האַר פון צאָרן, דאָס

מיינט דער פסוק אויפן שלעכטן מענטש, ווייל דעם אויבערשטנ׳ס מדה איז דאָך שטענדיג צו טוהן גוטס.

**ויש,** און עס זענען דאָ רשעים וואָס דורך זייערע עבירות מאַכן זיי אַ צווישנשייד אַז די שפע קען נישט אַראָפּקומען, ווערט כביכול אָנגעפילט מיט כעס אויף זיי צו נעמען נקמה אין זיי, ווייל זיי טוען נישט קיין תשובה, כדי די שפע זאָל אַראָפּנידערן און ער זאָל מערן זיין גוטס צו זיינע באַשעפענישן. אדרבא, ער האָט באַשאַפן דעם מענטש אַז ער זאָל תמיד מורא האָבן פאַר אים צו טוהן זיין דינסט כדי ער זאָל מיט אים גוטס טאָן. און אַז דער מענטש זינדיגט פאַר אים, מאַכט ער אים שרעקן מיט יסורים כדי ער זאָל תשובה טוהן, און דאָס אַלץ איז פאַרן מענטשנ׳ס טובה.

## אַ מענטש דאַרף זיך אַראָפּלערנען פון זיינע מדות כדי צו דינען דעם אויבערשטן.

**ד. ובהיות,** און וויבאַלד אַזוי, איז דען פאַראַן אַזאַ וואָרהאַפטיגער ליבהאָבער וואָס זאָל ליב האָבן זיין חבר און זאָל זיך פלייסן אים גוטס צו טוהן, כאָטש ער האָפט דאָך אַז יענער זאָל אים צוריקצאָלן טובות. אָדער איז דען פאַראַן אַזאַ ברודער וואָס זאָל אַזוי ליב האָבן און שטיצן דעם אַנדערן ברודער, כאָטש זיי זענען דאָך געבוירן געוואָרן פון איין מוטער, און דאָך האָפט ער אַז דער ברודער זאָל אים אויך אַמאָל העלפן. אָדער איז דען דאָ אַזאַ פאָטער און מוטער, וועלכע זאָלן זיך אַזוי פלייסן פאַרן גוטס פון זייערע קינדער, כאָטש זיי האָפן דאָך צו האָבן פון זיי כבוד און נחת און זאָלן זיי שפייזן אויף דער עלטער. איז דען מעגליך, אַז די אַלע זאָלן זיך פלייסן דערויף ווי דער אויבערשטער ברוך הוא פלייסט זיך כביכול צו טוהן גוטס מיטן מענטש, אפילו ווען ער האָט גאָרנישט דערפון, ווי אין פסוק שטייט **אם צדקת מה תתן לו**, ווען דו ביסט גוט און פרום טוסטו דיר זעלבסט גוטס, ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא דאַרף עס נישט פאַר

זיך. ער האָט אלץ באַשאַפן און טוט יעדן גוטס אפילו ווען יענער האָט נאָך ביז יעצט קיין גוטס נישט געטוהן, איז דען דאָ אויף דער וועלט אַזאַ דערבאַרעמדיגער ווי דער אויבערשטער, ברוך הוא.

## אַ מענטש דאַרף שטענדיג זען צוצוקומען צו דער מדרגה פון די מלאכים

**ה. ולמה,** און פאַרוואָס זאָל דער מענטש זיך נישט שעמען עובר צו זיין אויפן אויבערשטנ׳ס געבאָט, חלילה. דער מענטש דאַרף זיך נעמען אַ ביישפיל פון זיין פירונג, ער זאָל זיך אויך אין אויבערשטנ׳ס דינסט אַזוי פירן. למשל, דער מענטש וויל אַז קיינער זאָל אים נישט זיין דערווידער. נו, ווי קען ער זיין דעם אויבערשטן דערווידער. דער מענטש וויל האָבן פיל כבוד, בפרט פון זיינע קינדער, און פאַרוואָס זאָל ער נישט אָפּגעבן דעם אויבערשטן פיל כבוד.

**ולמה,** און פאַרוואָס זאָל דער מענטש מקנא זיין אַנדערע מענטשן, בעסער זאָל ער זיך מקנא זיין די מלאכים וואָס האָבן זייער אַ גרויסע מעלה, און ווען דער מענטש שטאַרקט זיך אין תורה און מצוות, קען ער קומען צו אַ העכערע מעלה פון די מלאכים.

**וכיון,** און וויבאַלד דו ביסט בכוח אַרויפצוגיין צו אַזאַ הויכער מעלה, פאַרוואָס זאָלסטו פאַרשפּעטיגן דיין אַרויפגיין. און נאָך מער, דורך דיינע שלעכטע מעשים, צוברעכסטו די שטאַפּלען פון דעם לייטער, מיט אַ האַק, ווייל די שלעכטע מעשים צעברעכן און שניידן אַזוי ווי אַ שאַרפע שווערד, און ווי וועט דיין נשמה קענען אַזוי אַרום אַרויפגיין נאָך דיין טויט, ווייל ווען זי וועט וועלן אַרויפגיין וועט זי אַראָפּפאַלן פון דער הייך אויף דער ערד מיט אַזאַ פאַל, וואָס זי וועט נישט קענען אויפשטיין, און וועמען וועסטו רופן צו הילף דיך אויפצושטעלן?

**האם,** וועלן דיר דען העלפן די עבירות וואָס דו האָסט געטוהן, אָדער די מקטריגים וואָס דו האָסט באַשאַפן מיט דיינע עבירות? און

אַז דו ווערסט ווערלן רופן דיינע חברים וואָס האָבן דיך צוגערעדט צו זינדיגן, וועמען ווערסטו דאָרט האָבן אַז דו זאָלסט קענען רעדן מיט זיי, און ווען זיי ווערלן הערן דיין קול וואָס דו ווערסט דעמאָלט שרייען דאָ, ווערלן זיי אַנטלויפן און זיך באַהאַלטן פון פחד וואָס זיי הערן דיין ביטער קול.

**ולמה,** און וויבאַלד דו האָסט די מעגליכקייט ניצול צו ווערן, פאַרוואָס זאָלסטו זיך נישט פלייסן צו זוכן די הילף פון דיין נשמה. נעם דיר פאַר אַ שפּיגל די רשעים וועלכע זענען פאַרלוירן געוואָרן פון דער וועלט און זע וואָס עס האָט זיי דערגרייכט און שייד זיך אָפּ פון זייער וועג.

**ראה,** זע דעם דור המבול, וואָס זייער עיקר עבירה איז געווען וואָס זיי האָבן זיך געהאַלטן גרויס, ווי דער מדרש זאָגט, ווייל די גאווה איז דער שורש פון אַלע עבירות, אַזוי ווייט אַז דער אויבערשטער כביכול זאָגט, איך און דער בעל גאוה קענען נישט וואוינען צוזאַמען, און שטאַרק זיך אין דער זאַך נישט צוצוהערן צום יצר הרע וואָס רעדט דיך אָן צו גאווה. און אויב דו ווערסט אים מנצח זיין אין דער גאווה ווערסטו אים קענען מנצח זיין אין אַלע זאַכן וואָס ער וועט דיך צורעדן. ווייל אַז דער וואָרצל ווערט אויסגעריסן, דאָס מיינט די גאווה, פאַלן שוין ממילא די צווייגן, דאָס זענען די איבעריגע עבירות.

## פופצן זאַכן וואָס דערווייטערן דעם מענטש פון גאווה

**א. והנני,** און איך וועל דיך לערנען ווי אַזוי דו זאָלסט נישט אַריינגיין און געשטרויכלט ווערן אין דער טומאה פון גאווה. צוערשט זאָלסטו לייגן פאַר דיינע אויגן אַז עס איז דאָ איין געוועלטיגער איבער דיר און דו ביסט אַ קנעכט, איז דאָך אַ גרויס געשפעט אַז אַ קנעכט זאָל זיך האַלטן בגאווה.

**שנית,** צווייטנס, אויב דו האָסט אָנגעקליידעט זיידענע קליידער און מיט זיי האַלסטו זיך גרויס, זאָלסטו וויסן אַז עס איז אַ

נאַרישקייט. דו האַלסט זיך בגאוה מיט אַזאַ זאַך וואָס קומט אַרויס פון ווערעם און דאָס מאַכט דיך חשוב, ממילא מאַכסטו דאָך זיי מער חשוב פון דיר.

**ואם,** און אויב דו ביסט אָנגעקליידעט מיט וואָלענע קליידער און מיט זיי האַלטסטו זיך גרויס. איז דען צו גלויבן אַז די בהמה איז חשובער פון דיר, ווייל דו האַלטסט זיך אין גרויסן דורך איר. און אויב דו ביסט אָנגעקליידט מיט פלאַקסענע קליידער, זאָלסטו וויסן אַז דאָס איז אַ זאַך וואָס שפּראָצט אַרויס פון דער ערד, און דו ביסט אַ מענטש וואָס קען רעדן, נו ביסטו דאָך זיכער חשובער, ממילא ווי קענסטו זיך גרויס האַלטן מיט דעם אַלעמען?

**שלישית,** דאָס דריטע, טו פאַר דיינע אויגן, אַז דו וועסט נישט בלייבן ביי דיין שיינקייט און דיין כוח אַלע טעג וואָס דו וועסט לעבן, און ווען עס וועט קומען דיינע אַלטע טעג, ווען דו וועסט דיך נישט קענען פירן מיט גיאות און דו וועסט ווערן צו שפּאָט ביי אַלע וואָס קענען דיך. זיי וועלן זאָגן, דאָס איז דער מענטש וואָס ער פלעגט זיך שטענדיג לויבן, אַצינד זעט ווי ער איז אַראָפּגעפאַלן פון זיין מעלה.

**רביעית,** דאָס פערטע, טראַכט אַריין, אַז בשעת דו דאַרפסט גיין טאָן דיין צורך ביסטו גלייך ווי אַ בהמה. און אַ גוף וואָס קערט איבער אַלע גוטע און געשמאַקע עסנוואַרג צו מיסט און מיאוס׳קייט, האָט זיך עפּעס וואָס גרויס צו האַלטן?

**חמישית,** דאָס פינפטע, נעם דיר אין געדאַנק, די קראַנקע טעג וואָס קומען אויף דיר, וואָס דיין האַרץ ווערט דאַן צובראָכן, און דיין כח ווערט אָפּגעטוהן פון דיר, און דיין צונג ווערט באַהאָפטן צום גומען, און אין מויל איז דיר ביטער, און דו פאַלסט אויף דיין בעט פון ווייטאָג, און דער אָטעם קלאַפּט, און דאָס בלוט פון האַרץ ווערט פאַרמינערט, און דער מלאך המות רוהט שוין אויף דיין טיר.

**ששית,** דאָס זעקסטע, טראַכט אין דיין האַרץ, אַ מענטש וואָס זיין עיקר שיינקייט איז אַ דינע הויט וואָס באַדעקט זיין גוף, און אויב די הויט זאָל זיך איבערקערן, אַז דאָס וואָס איז אינעווייניג זאָל זיין אין דרויסן, יעדער וואָס וואָלט דאָס געזען וואָלט צוגעמאַכט זיינע אויגן פון קוקן אויף אַזאַ מיאוסע זאַך, און אַ מענטש וואָס האָט דאָס אין זיך, ווי קען ער זיך גרויס האַלטן?

**שביעית,** דאָס זיבעטע, שטעל דיר פאָר, אַ מענטש וואָס איז אַ מצורע, ווי מיאוס איז אים צו זען און וואָס פאַר אַ חרפּה איז אים אָנצוקוקן, און ווייל עס קען אַ מענטש טרעפן דאָס דאָזיגע, ווי קען ער זיך גרויס האַלטן?

**שמינית,** דאָס אַכטע, דו זאָלסט געדענקען, אַז נישט אויף אייביג איז דיין שטאַרקייט. איז דען דאָ עמיצער וואָס זאָל דיר צוזאָגן, אַז דו וועסט זיך קענען פירן מיט דיין גאוה ווילאַנג דו וועסט לעבן. און אויב דו וועסט היינט אָדער מאָרגן פאַלן פון דיין מעלה, וועסטו אויסגעפינען אַז אַלע מענטשן זענען שונאים פאַר דיר, און קיינער וועט דיך נישט טרייסטן און קיינער וועט זיך אויף דיר נישט דערבאַרעמען, און אַזוי ווי דו האָסט געטוהן, אַזוי וועלן זיי דיר טוהן.

**תשיעית,** דאָס נײַנטע, לייג פאַר דיינע אויגן די אַלע וואָס זענען געוועזן פאַר דיר וואָס האָבן זיך גרויס געהאַלטן, וואָס איז געוועזן זייער סוף? זיי זענען געוועזן צו שאַנד ביי אַלע מענטשן פון דער וועלט. זע וואָס עס האָט פּאַסירט מיט נבוכדנאצר, וואָס זיין גאוה האט אים גורם געוועזן ער זאָל איבערגעקערט ווערן צו אַ בער; און המן, מחמת זיין איבער-געטריבענע גאוה האט ער גענידערט אין דעם הינטערשטן גרוב פון גיהנום; און דער דור המבול איז געוואָרן צו אַ קללה ביי אַלע מענטשן וואָס קומען אויף דער וועלט, מיט דעם וואָס מיר שעלטן אַזעלכע וואָס איז האַלטן נישט זייער צו-זאָג, אַז "מי

שפּרע מדור המבול״, דער וואָס האָט געשטראָפט דעם דור המבול, דער זאָל באַצאָלן דעם וואָס ענדערט זיין וואָרט.

**עשירית,** דאָס צענטע האַלט פאַר דיינע אויגן, אַז מיט דיין גאוה קענסטו זיך נישט פירן נאָר ווען דו ביסט וואַכעדיג, אָבער אין דער צייט ווען דו שלאָפסט קענען דיך אַרומרינגלען יונגערע מענטשן און שפּעטן פון דיר און דו ליגסט ווי אַ שטיין. איז דאָ אַ גרעסערער בזיון פון דעם?

**האחד עשר,** דאָס עלפטע אַז דו ווערסט הונגעריג האָט דיין גאוה אַ קראַפט דיך צו שטאַרקן און דערהאַלטן אָן עסן און טרינקען? עס איז דאָך נישט אַזוי. דיין פּנים ווערט פאַרענדערט און דיין כוח ווערט אָפּגעטוהן פון דיר, נו, אַזאַ מענטש וואָס זיין לעבן הענגט אויף אַ שטיקל ברויט, קען ער זיך דען גרויס האַלטן?

**השנים עשר,** דאָס צוועלפטע, אויב דער וואָס האַלט זיך גרויס מחמת זיין חכמה זאָל באַרעכענען די חכמה פון די ערשטע תנאים, דהיינו רבי עקיבא, וואָס אויף יעדן תג אין דער תורה האָט ער געדרש׳נט בערג מיט הלכות, און דואג און אחיתופל, וואָס אויף דער הלכה פון מגדל הפורח האָבן זיי געפרעגט דריי הונדערט שאלות, און די חכמה פון רבי יוחנן בן זכאי, וואָס האָט נישט דורכגעלאָזט קיין זאַך וואָס ער האָט נישט געלערנט. די רייד פון מלאכים, שדים, ביימער, ווי אונזערע חכמים האָבן באַוואונדערט זיין תורה און חכמה. אויך זאָל ער זיך פאַרטראַכטן אין דער חכמה פון אַלע בעלי הגמרא. אויב ער וועט אויפּברענגען אויף זיין דעה די אלע חכמים, וועט ער דערקענען זיין אייגענעם חסרון, זיין נידעריגקייט און זיין פינצטערניש און וועט נידעריג מאַכן זיין גאוה.

### דאָס גרויסע תועלת פאַר עמיצן וואָס האַלט זיך נידעריג.

**ז. ואם,** און אויב ער האַלט זיך בגאוה מיט זיין עשירות, זאָל ער זען דאָס עשירות פון די מלכים פון דער וועלט, דאַן וועט ער זען

אַז ער איז גאָרנישט חשוב מיט זיין עשירות.

**ואם,** און אויב ער האַלט זיך בגאוה מיט זיין גבורה, זאָל ער ביי זיך טראַכטן, וויבאַלד איך האָב נישט דערגרייכט די גבורה פון יהודה און שמשון הגבור, וואָס צוליב זייער קול זענען געפאַלן פעסטע שטעט, און אַ שטאַרקער פעלדז האָט זיך גערוקט פון אָרט. איז וואָס פאַר אַ גבורה האָב איך אַז איך זאָל מיך דערמיט גרויס האַלטן? אויך זאָל ער טראַכטן אַז זיין כוח און גבורה איז נישט קיין אייביגקייט.

**ואם,** און אויב ער האַלט זיך גרויס מיט פיל קינדער, זאָל ער טראַכטן, זענען זיי דען אַלע חכמים, אַלע פאַרשטאַנדיגע, אַלע עשירים, אַלע אָן אַ מום. אויך איז ער דען זיכער אַז זיי וועלן נישט שטאַרבן ביי זיין לעבן? מיר געפינען דאָך אַז רבי יוחנן האָט אויסגערופן און געוויזן, דאָס איז דאָס ביינדל פון מיין צענטן זון וואָס איז ביי מיר געשטאָרבן.

**וואָלט** דער מענטש געוועז זיכער אַז זיינע קינדער וועלן אויסלעבן זייערע יאָרן און שטאַרבן נאָרמאַל, וואָלט ער זיך געמעגט פרייען מיט דעם. אָבער עס איז דאָך מעגליך אַז איינער זאָל אַריינפאַלן אין וואַסער און דערטרינקען ווערן אָדער אַראָפּפאַלן פון אַ דאַך, און דאָס גלייכן וואָס קען זיך אַלץ טרעפן אויף דער וועלט.

**ואם,** און אויב ער האַלט זיך גרויס מיט זיין שיינקייט, זאָל ער ביי זיך טראַכטן, קען איך דען זיין שענער פון יוסף און ער האָט זיך דאָך נישט גרויס געהאַלטן.

**און** אויב ער איז אויסער-געוועגליך שיין זאָל ער זיך באַטראַכטן אַז אויף דער עלטער וועט זיין פנים פאַרענדערט ווערן און זיינע קנייטשן וועלן זיך פאַרמערן, און יונגע קינדער וועלן שפעטן פון אים, ווייל דעמאָלט וועט ער זיין גלייך ווי אַ מאַלפּע (קוף), ווי אונזערע חכמים זאָגן אין מדרש קהלת.

**השלשה עשר,** דאָס דרייצנטע זאָל ער שטענדיג אַריינטראַכטן אין זיין וואָרצל (שורש), אַז ער איז געבוירן פון אַ פרוי און איז אַ בשר ודם, און ווי קען אַזאַ מענטש זיך האַלטן אין גרויסן.

**הארבע עשר,** דאָס פערצנטע איז גרעסער פון אַלע, ער זאָל שטענדיג געדענקען זיין יום המיתה, ווען ער וועט געוויס זיין האַרץ אונטערטעניג ווערן און זיין גאוה וועט אָפּגעטאָן ווערן פון אים.

**החמשה עשר,** דאָס פופצנטע זאָל ער טראַכטן אַז איינער וואָס ווערט נאָך זיין טויט איבערגעקערט צו ווערים, ממילא ווי קען זיך אַזאַ מענטש האַלטן גרויס?

**אַ מענטש זאָל זיך נישט גרויס האַלטן מיט דעם וואָס דער אויבערשטער איז משפיע גוטס אויף אים.**

**ח. הרי,** נו, האָסטו פופצן זאַכן, ווי גאוה באַטרעפט פופצן, כדי דער מענטש זאָל שטעלן די פופצן זאַכן פאַר זיינע אויגן צו צוברעכן זיין גאוה.

**גם,** אויך זאָל דער מענטש טראַכטן, אַז דער נידעריגער קען קיינמאָל נישט פאַלן. למשל: אויב אַ מענטש זיצט אויף דער ערד קען ער נישט אַזוי פאַלן ווי אַ מענטש וואָס זיצט אויף אַ שטול, און אויך זאָל ער זיך באַטראַכטן אַז דער וואָרצל פון בוים וואָס איז אין דער ערד איז דאָס חשוב׳סטע און שטאַרקסטע, און די צווייגן וואָס גייען אַרויס פון אים זענען ווייך און קענען אָפּגעריסן ווערן.

**הנה,** ער זאָל צוקוקן ווי די בהמות און חיות, וואָס זענען שטאַרק, פונדעסטוועגן ווערן זיי באַצוואונגען דורך דעם מענטש, און פליגן וואָס זענען גאָר איידל און קליין, קען דער מענטש זיי נישט כאַפּן.

**הבט,** זע די הויכע טענען-ביימער, וועגן זייער הויכקייט האַקט מען זיי אָפּ פאַר בנינים, און דאָס גראָז פון די גערטנער, וואָס זענען

נידעריג, רירט זיי קיינער נישט אָן.

**זע** אין דער תורה, אברהם אבינו ע״ה, וואָס האָט זיך געגליכן צו ערד און אַש, האָט זוכה געווען צו זיין אַ מרכבה פאַר דער שכינה. נבוכדנאצר האָט זיך גרויס געהאַלטן און געזאָגט איך וועל אַרויפגיין אויפן הימל, האָט דער נביא געזאָגט דו וועסט אַראָפּנידערן אין גיהנום אריין.

**ראה,** זע נח, ווייל ער האָט זיך נישט גרויס געהאַלטן האָט ער זוכה געווען צוצוקומען צו דער מדרגה פון אדם הראשון, וועלכער איז געווען דער פאָטער פון אַלע מענטשן. אַזוי אויך נח, ווייל אַלע מענטשן ווערן אָנגערופן מיטן נאָמען ״בני נח״, די קינדער פון נח. ווייל דער וואָס האַלט זיך נידעריג הויבט מען אים אויף פון הימל, אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר.

**די מעלה פון די וואָס האַלטן זיך נידעריג, וואָס דער אויבערשטער דערפילט זייער גלוסטונג, כאָטש זיי האָבן נישט מתפלל געווען דערויף.**

**ט. זכאה,** וואויל איז דעם וואָס האַלט זיך קליין אויף דער וועלט, דעריבער איז ער זייער גרויס אויף יענער וועלט. און אַזוי האָט רב מתיבתא געזאָגט, דער וואָס איז קליין איז גרויס, און דער וואָס איז גרויס איז קליין.

**דער** אויבערשטער ברוך הוא מאַכט גרויס דעם וואָס מאַכט זיך קליין און מאַכט קליין דעם וואָס מאַכט זיך גרויס, וואויל איז דעם וואָס האַלט זיך קליין אויף דער וועלט, ער איז גרויס אויף יענער וועלט.

**אָפּענע מוסר-רייד קעגן די וואָס טרינקען וויין**

**י. ואל,** און דער מענטש זאָל נישט זאָגן, איך וועל מיך טאַקע פירן מיט דער מדה פון ענוה ווייל זי איז זייער טייער, נאָר איך

וועל טוהן וואָס מיין האַרץ גלוסט, תענוגים און פיל וויין טרינקען, און מיין ענוה וועט מגין זיין אויף מיר אַז דער אויבערשטער זאָל מיך נישט שטראָפן.

**הבט,** גיב אַ בליק און זע אין נח, וואָס ער איז געווען אַ גאַנצער צדיק און זייער נידעריג ביי זיך, פונדעסטוועגן ווען ער האָט געטרונקען פיל וויין איז ער פאַרשעמט געוואָרן, ביז דער פסוק רופט אים אָן "איש האדמה", אַ ערדישער מענטש, פאַרגרעבט.

**שא,** זע וואָס ר' משה אלשיך שרייבט. עס איז אַ מוסר צו די וויין-זויפערס און פלייש-פרעסערס אין אייגענע הייזער, נאָך מער צו די וואָס טוען זיך איינזאַמלען אין די רעסטאָראַנען, וואָס איינער טוט רופן דעם אַנדערן און זאָגט צו אים, קום, לאָמיר זיך גיין אָנזעטיגן ביז אינדערפרי מיט וויין. מיר וועלן זיך פרייען מיט בעכערס וויין, ווייל דורך וואָס דען וועלן מיר וויסן אַז מיר זענען פריינט, נאָר דורך דעם וואָס מיר וועלן צוזאַמען טרינקען וויין, וואָס עס מאַכט פרייליך דאָס האַרץ. עס וועט זיין צווישן מיר און דיר אַן אייביגע ליבשאַפט, מיר וועלן געדענקען ווי מיר זענען געזעסן און געטרונקען וויין זייער פיל, די ליבשאַפט וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן. און זיי דערהיצן זיך פון דעם וויין און ווערן דול און משוגע, און זייער האַרץ ווערט דערהויבן און יעדער פון זיי ווערט ביי זיך חשוב אַזוי ווי פרעה, ווייל דער וויין מאַכט אים רעדן און ער זאָגט: צו וועמען זאָל מען מיך צוגלייכן.

**והנה,** און דער וואָס זעט זיי אַז זיי בענטשן איינער דעם אַנדערן, אויף יעדן כוס גיט איינער דעם אַנדערן פיל ברכות. דער טוט זאָגן אויפן בעכער וויין, דו זאָלסט דערלעבן איבער אַ יאָר און זיין געזונט, און דער אַנדערער ענטפערט אים דו זאָלסט אויך דערלעבן און פילע הונדערט ברכות. דערנאָך אַז זיי ווערן שוין זאַט פון דעם וויין, גייט שוין אַרויס זייער האַרץ און זיי הויבן אָן צו טרינקען אין גרעסערע

בעכערס, דעמאָלט לויבן זיי זיך איינער קעגן דעם אַנדערן און זאָגן ווער איז אַזוי שטאַרק ווי איך, צו טרינקען וויין מיט אַ גרויסן כוס, ביז דער וויין ברענגט אַרויס פון זייער מויל מיאוסע רייד.

**ואז,** און דעמאָלט, פאַלט איינער אַנידער און דער אַנדערער שטייט אויף און שלאָגט זיין חבר מיט אַ שטיין אָדער מיט דער פויסט, און דער צווייטער גייט אַרויס און שעלט די וואָס האָבן געטרונקען און האָבן זיך מיט אים אָנגעשיכור׳ט, ביז די שמחה ווערט איבערגעקערט צו טרויער, און זייער ליבשאַפט ווערט אויס ליבשאַפט און זיי פאַרבייטן זייער כבוד אויף שאַנד.

**זולת,** אויסער דעם וואָס דערפון קומען נאָך אַרויס ערגערע זאַכן, גזל און ניאוף, ווייל אַז דער מענטש פאַרברענגט זיין צייט און לאָזט זיך אַריין אין שכרות ווערט ער זייער אָרים, ביז ער קומט אָן צו בעטלען ברויט. און וויבאַלד ער איז דאָך אָבער געוואוינט צו טרינקען, באַגזל׳ט ער מענטשן. דעריבער האָט דער אויבערשטער געהייסן הרג׳ענען אַ בן סורר ומורה, ווייל ער איז צוגעוואוינט צו פרעסן און זויפן, וועט ער זיכער צום סוף באַגזל׳ענען מענטשן, און וועט דעמאָלט געטויט ווערן דורך דעם בית דין. האָט די תורה געזאָגט, לאָז ער בעסער געהרג׳עט ווערן ווען ער איז נאָך אַ זכאי, און נישט ווען ער וועט שוין זיין חייב מיתה.

**וגם,** און אויך עובר צו זיין אויף עריות קומט אַרויס פון שכרות, ווייל צוליב דעם וואָס ער טרינקט פיל וויין רייצט אים אָן דער יצר הרע עובר צו זיין אויף עריות. ער איז דעמאָלט גלייך ווי אַ בהמה, וואָס האָט קיין בושה נישט.

**כי,** ווייל ווער איז דען דער וואָס האָט זיך אַריינגעלאָזט אין טרינקען און איז געבליבן ריין פון אַן עבירה. אונזער ערשטער פאָטער, אדם הראשון, האָט געזינדיגט דורך וויין, ווי די חכמים זאָגן אַז דער עץ הדעת איז געווען אַ בוים אויף וועלכן עס זענען געוואַקסן ווייַנטרויבן,

האָט חוה אויסגעקוועטשט די וויינטרויבן און האָט אים געגעבן צו טרינקען, האָט עס גורם געווען דעם טויט אויף אַלע מענטשן.

**ונח,** און נח האָט געפונען חן אין די אויגן פון אויבערשטן, דערנאָך האָט ער געזינדיגט מיטן וויין וואָס ער האָט געטרונקען און ער איז באַשטראָפט געוואָרן. אויך נדב ואביהוא, די קינדער פון אהרן, זענען אַריינגעגאַנגען אין בית המקדש אָנגעטרונקען מיט וויין, זענען זיי געשטראָפט געוואָרן.

**והן,** און אַז אפילו די מענטשן אין די אַמאָליגע צייטן האָבן יאָ געטרונקען וויין, איז נאָך דאָס בית המקדש געשטאַנען און זיי האָבן פיל גוטס געהאַט, איז די עבירה נאָך נישט אַזוי גרויס געווען, מחמת זייער פיל גוטס האָט זיי פאַרפירט.

**אך,** אָבער יעצט, אַז דאָס בית המקדש איז בעוונותינו הרבים חרוב, דאַרף מען אַוודאי נישט טרינקען, נישט אַזוי אָנשיכור'ן זיך, ווייל די קרוין פון אונזער קאָפּ איז אַראָפּגעפאַלן און מיר זענען פאַרטריבן געוואָרן. און דער וואָס באַגערט לעבן און האָט ליב זיינע טעג, דער דאַרף זען אין דעם בייזן און בושה וואָס האָט אונז געגרייכט אין אַמאָליגע צייטן, ווייל אונזער לייב איז איינגעבויגן צו דער ערד, און אונזער בויך איז אויך באַהאָפטן צו דער ערד, און אויך אויף דעם דאַרף ציטערן יעדעס הארץ, אויך די מענטשן וועלכע פרייען זיך אַז זיי געפינען וויין צו טרינקען און זיך אָנשיכור'ן מיט אים.

**ולו,** און הלוואי וואָלטן מיר געטוהן מיט חכמה און געזאָגט, לאָמיר זיך אומקערן צום אויבערשטן מיט פאַסטן און תשובה, אַז דער באַשעפער זאָל אָנגרייטן און אויפריכטן דעם בית המקדש.

**ולא,** נישט גענוג וואָס זיי טוען דאָס נישט, זאָגן זיי נאָך, לאָמיר קויפן וויין און לאָמיר זיך אָנטרינקען מיט אַלטן וויין, און דעם אַנדערן טאָג טוען זיי אויך אַזוי און פאָרכטן זיך נישט פאַרן אויבערשטן.

**כי,** ווייל אונזערע זינד האָבן געמאַכט אַ צווישנשייד צווישן אונז און אונזער באַשעפער, אַ זאַך צוליב וואָס מיר וואָלטן זיך געדאַרפט שעמען, ווייל ווי איז צו דער בושה און ווי איז צו דער שאַנדע.

**מען** דאַרף געבן וויין צו אַזעלכן וואָס האָט אַ ביטער געמיט און מעורר רחמים זיין ביז דער באַשעפער וועט זיך דערבאַרעמען צו פאַרריכטן די וועלט דורך זיין אַלמעכטיגער קעניגרייך, און דער אויבערשטער וועט זיך פרייען מיט זיין ווערק און דער איד וועט זיך פרייען מיט זיין באַשעפער.

**גם,** אויך זע וואָס דער סמ"ג שרייבט וועגן גאוה און ענוה, אויף דער מצוה פון השמר לך פן תשכח את ה' אלהיך, היט דיך טאָמער וועסטו פאַרגעסן ה', דיין גאָט, שרייבט ער, אַז דאָס איז אַן אָנזאָג אַז די אידן זאָלן זיך נישט גרויס האַלטן אַז דער אויבערשטער ברוך הוא גיט זיי פיל גוטס, און זיי זאָלן נישט זאָגן אַז דורך זייער כח און האָרעוואַניע האָבן זיי דאָס אַלץ מרויח געווען און זיי וועלן נישט מחזיק טובה זיין דעם אויבערשטן, וואָס אויף דעם שטייט אין פסוק "**ובתים מלאים כל טוב אשר לא מלאת**", און הייזער וואָס זענען פול מיט גוטס וואָס דו האָסט זיי נישט אָנגעפילט, "**ואכלת ושבעת השמר לך פן תשכח**", און דו וועסט עסן און טרינקען, היט זיך טאָמער וועסטו פאַרגעסן דיין באַשעפער, און דער פירוש שטייט אין פסוק "**פן תאכל ושבעת**", טאָמער וועסטו עסן און וועסט זאַט ווערן און וועסט האָבן פיל גוטס, "**ואמרת בלבבך כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה**", און דו וועסט זאָגן אין דיין האַרץ, מיין קראַפט און מיין שטאַרקע מאַכט האָט מיר איינגעשאַפן דאָס גוטע, זאָלסטו אַזוי נישט זאָגן, נאָר דו זאָלסט געדענקען אַז דער אויבערשטער האָט דיר געגעבן קראַפט איינצוזאַמלען גוטס.

**מכאן,** פון דאַנען איז אַ וואָרענונג, אַז דער מענטש זאָל זיך נישט גרויס האַלטן מיט דעם וואָס דער אויבערשטער האָט אים

געגעבן געלט און שיינקייט און קלוגשאַפט, נאָר ער דאַרף זיין אַ גרויסער עניו און נידעריג פאַרן אויבערשטן און מענטשן, און צו דאַנקען זיין באַשעפער וואָס ער האָט אים געגעבן די מעלה. און דער פסוק לויבט די מדה פון ענוה, **"והאיש משה עניו מאוד"**, און משה רבינו איז געווען זייער אַ גרויסער עניו.

**אין** ירושלמי שטייט אַז, וואָס די חכמה האָט געמאַכט פאַר אַ קרוין צו איר קאָפּ, האָט די ענוה געמאַכט פאַר אַ קנאַפּל (טריט) צו איר שוך. עס שטייט אין פסוק **"ראשית חכמה יראת ה'"**, די פאָרכט פאַרן אויבערשטן איז דער עיקר פון חכמה, און ביי ענוה שטייט **"עקב ענוה יראת ה'"**, די פאָרכט פון אויבערשטן איז דער טריט פון ענוה, די ענוה איז פיל גרעסער פון יראת ה', און די שכינה רוהט אויף די ענוים, ווי עס שטייט אין פסוק איך וועל רוען מיט דעם וואָס האָט אַ נידעריג געמיט, און אויך דרשנ'ט די גמרא אַז דער וואָס האַלט זיך נידעריג איז גלייך ווי ער איז מקריב אַלע קרבנות, ווייל עס שטייט **"זבחי אלקים רוח נשברה"**, דער וואָס האָט אַ צובראָכן געמיט איז גלייך ווי ער שעכט קרבנות צום אויבערשטן. און נאָך מער, זייער תפילה ווערט צוגעהערט, ווי דער פסוק זאָגט, **"לב נשבר ונדכה"**, אַ צובראָכן און צושטויסן האַרץ, **"אלהים לא תבזה"**, טוט דער אויבערשטער נישט פאַרשעמען.

***ואני***, מען קען דרש'ענען, אַז דער אויבערשטער הערט צו אַפילו זייער געבעט פון האַרץ און דערפילט זייער ווילן, כאָטש זיי זיינען גאָר נישט מתפלל דערויף, ווי עס שטייט אין פסוק **"תאות ענוים שמעת ה'"**, דאָס גלוסטיגקייט פון די ענוים האָסטו, באַשעפער, צוגעהערט. כלומר, כאָטש זיי בעטן גאָרנישט דערויף, נאָר זיי גלוסטן דערצו, הערט עס אויך דער אויבערשטער.

***צאו וראו***, זעט וואָס דוד המלך האָט געזאָגט **"ואנכי תולעת ולא איש"**, איך בין אַ ווערעמל און קיין מענטש נישט. דאָס

מיינט, איך דאַרף זיך פאַרגלייכן צו אַ ווערעמל וואָס איז אונטער דער ערד. אַזוי אויך אַז דער מענטש שטאַרבט איז די ערד העכער פון זיין קאָפּ, און דעריבער האָט ער זיך געהאַלטן נידעריג פאַרן אויבערשטן, אַזוי ווי ער האָט געזאָגט צו זיין ווייב, מיכל, און איך בין נידעריג אין מיינע אויגן קעגן אויבערשטן, און קעגן מענטשן איז ער אויך נידעריג געווען, ווייל ווען שמעי בן גרא האָט אים געשאָלטן, האָט ער געזאָגט, לאָזט אים שעלטן און הרג'עט אים נישט.

**והאריכו,** און אונזערע חז"ל האָבן זייער פיל געשריבן אין די שאַנדע פון די בעלי גאוה, אַז זיי ווערן אָנגערופן אומווערדיג און ווערן נישט זען אין דער נחמה פון ציון. און אונזערע חכמים ז"ל האָבן געזאָגט, זיי זייער נידעריג ביי זיך, ווייל די האָפענונג פון אַ מענטש איז ווערים, און דאָס וואָס אַ מענטש איז בעסער פון אַ בהמה מיינט דאָס נאָך גאָרנישט, נאָר אויב ער דינט דעם באַשעפער און טוט אים אָן אַ נחת רוח, איז ער מער פון אַ בהמה.

**ולמה,** און פאַרוואָס זאָל דער מענטש זיך אָנקליידן מיט גאוה, וואָס דאָס איז דער קלייד פון אַ מלך, ווי עס שטייט ה' ברוך הוא קעניגט, ער איז אָנגעקליידעט מיט גאוה, און דאָס ווייסט דאָך יעדער אַז דער וואָס קליידעט זיך אָן אין דעם קעניג'ס קליידער איז חייב מיתה, ממילא דער וואָס האַלט זיך פאַר אַ בעל גאוה הרג'עט זיך אַליין און ער וועט געמשפט ווערן אין גיהנם מיט אַזעלכע וואָס הרג'ענען זיך אַליין.

**נקוט,** נעם דיר אין האַנט דעם כלל, אַז דער וואָס האַלט זיך בגאוה האָט ער אַלע זיינע טעג קרענקונג און דאגות, ווייל צוליב זיין גאוה און זיין שטאָלץ זענען אַלע מענטשן קעגן אים ווי גאָרנישט, און ער רעדט זיך איין אַז אַלע זענען מחויב אים צו דינען און אויפשטיין פאַר אים, אַזוי ווי אַ קנעכט שטייט אויף פאַר זיין האַר, און ער זאָל זיצן העכער פון אַלע גרויסע לייט, און באמת איז ער חשוב ביי דעם וואָס

זעט אים ווי אַ שאָלעכץ פון קנאָבל, און עס איז נישט דאָ אַזעלכער וואָס זאָל פרעגן אויף אים, און אַז ער קומט צווישן מענטשן און רעדט, וויל קיינער זיך נישט צוהערן צו אים, און אַז ער זעט זיין בזיון קערט ער זיך אום אַוועקצוגיין און קיינער זאָגט אים נישט גיי געזונטערהייט.

**וכראותו,** און ווען ער זעט דאָס, ווערט באַדעקט זיין פנים מיט שאַנד, און פון בושה איז אים אינעווייניג אַזוי ביטער ווי גאַל, ווייל לויט ווי ביי אים איז אָפּגעשאַצט זיין חשיבות און זיין גאוה איז דאָס אַלץ ביי אים ווי דערנער.

**אַזוי** איז ער יעדעס מאָל פול מיט צאָרן און זיין האַרץ איז פול מיט זאָרג, און דאָס טרעפט אים יעדן טאָג ביז אַז פון צער פאַלט ער אַריין אין אַ קרענק און ליגט אויף דעם קראַנקן בעט.

**צועק,** ער שרייט ווי און קיינער ענטפערט אים נישט. איז ער זיך מתוודה און שרייט און קיינער קערט זיך נישט צו אים, ווייל זיי זאָגן אַז דאָס וואָס ער איז זיך מתוודה איז נישט באמת, נאָר צוליב דעם וואָס ער איז קראַנק איז ער זיך מתוודה און פאַרלאָזט אַלע זיינע מעשים, אָבער ווען ער וועט אויפשטיין פון זיין בעט וועט ער זיך ווידער אומקערן צו זיין נאַרישקייט און זיי לאָזן אים ליגן אין פאָרכט און אין ציטערניש, און ער וואונדערט זיך אויף דעם וואָס ער זעט דאָ.

**והוא,** און ער זאָגט, ווי זאָל אַזאַ מענטש ווי איך ליגן אַליין, און אַז ער זעט אַז קיינער קערט זיך נישט צו אים שיקט ער נאָך דאָקטוירים, און אַז ער האָט קיין געלט נישט פאַרקויפט ער זיין קלייד, אפשר וועט ער זיך דערמיט קענען היילן וואָס ער האָט גורם געווען מיט זיין גאוה. און דו, מענטש, פאַרוואָס זאָלסטו דורך דיין גאוה בויען אַ הויז אַז די דאָקטוירים זאָלן דאָרט זיצן און די אַלטע ווייבער וואָס קומען קלאָגן מיט זייער מויל און אין האַרץ האָבן זיי אַנדערע רייד, מיט זייערע אויגן ווינען זיי און אינעווייניג פרייען זיי זיך און זאָגן,

ווען וועט ער שוין שטאַרבן כדי מיר זאָלן מקיים זיין די מצוה פון טרייסטן אבלים, מיר וועלן צו זיי זאָגן, דער מענטש איז גאָר הבל, נאַרישקייטן, נעמט אַ טרייסטונג אין אייער האַרץ, ווייל דאָס זעלבע פּאַסירט צו אַן אַלטן און אַ יונגן, אַ קלוגן און אַ נאַר. דעריבער זאָל דער מענטש זיך נישט האַלטן בגאווה.

❀ ❀ ❀

בעזרת השם יתברך

## הפרשה הזאת

## נדבת

הרה"ח מוהר"ר

**מאיר יצחק פוקס** שליט"א

לעילוי נשמת אמו האשה הצדיקת

**מרת חנה**

בת מוהר"ר **מאיר יצחק פוקס** ע"ה

**נפטרה ר"ח אדר ב'**

**שנת תשמ"ד**